



A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org



פרשת אמור, ט"ז אייר תשס"ז
גליון 3, מספר 24


# פרשת אמור




## מצות תמים יהי'

**תמים יהי' לרצון:** דאס איז א מצוה אז יעדער זאך וואס מען ברענגט אלס קרבן זאל זיין **"שלם במינו תמים... בתכלית הטוב וכו'"** (גאנץ און די בעסטע), און ווי דער לשון פון רמב"ם אין ספר יד החזקה: "תמימין ומובחרין" - די אויסגעקליבענע און דאס בעסטע.

די הוראה דערפון פאר קינדער פון "צבאות השם":

"קרבן" איז פון לשון "קירוב" - מאכן נאענט. א "קרבן" מיינט, אז מען מאכט א זאך פון דער וועלט מער נאענט ("קרוב") צום אויבערשטן, דורך דעם וואס מען ברענגט עס אין בית המקדש.

עס זיינען דא אזוינע קרבנות וואס מען עסט זיי, אבער דאס הייסט נאך אלס "קרבן", אז זיי ווערן נאענט צום אויבערשטן, ווייל זיי ווערן געגעסן אויף א הייליקן אופן.

אזוי איז אויך אין דער הנהגה פון יעדן אידישן קינד:

בשעת ער זעט א זיסע זאך און עס ווילט זיך אים עסן די זאך אן א ברכה חס ושלום, ווערט דאן די זיסקייט ניט נעענטער צו געטלעכקייט, און צו אידישקייט:

דוקא דורך דעם וואס מען מאכט א ברכה, און מען זאגט "ברוך אתה הוי' אלקינו מלך העולם" - מ'אנערקענט אז דער אויבערשטער איז דער קעניג און אנפירער פון דער גאנצער וועלט, איז די זאך וואס ער גייט עסן און טרינקען, אדער די קלייד וואס ער גייט אנטאן, איז פארבונדן מיטן אויבערשטן - מאכט מען דערפון א "קרבן".

און א ברכה דארף מען ארויסרעדן בדיבור, ווייל דעמאלט ווערט עס נעענטער צום אויבערשטן נאך מער בגלוי, אין אן אופן אז אלע ארום אים קענען הערן ווי ער מאכט די ברכה צום "מלך העולם" ווען ער דארף טרינקען א ביסל וואסער און דאס גלייכן, און פירט אויס "שהכל נהי' בדברו" – אז אלץ איז געווארן דורך דעם אויבערשטנ'ס דיבור. ובפרט אז מען מאכט די ברכה מיט שמחה און לעבעדיקייט און שטארקן מרץ וכח ביז אז מען באווירקט דעם גאנצן ארום.

***************************************

און אין דעם קומט צו א לימוד דערפון וואס א קרבן דארף זיין "תמים", גאנץ:

בשעת דער יצר הרע קומט און זאגט, למשל, אז כאטש מען מאכט א ברכה אויפן מאכל, דארף מען אבער ניט זיין אויסגעהיט צי דאס איז אינגאנצן כשר. און דער יצר רעדט איין דעם קינד, אז וויבאלד מען מאכט א ברכה, קען מען עס עסן ניט נאכפרעגנדיק זיך (פאר דער ברכה) צי דאס איז א כשר'ע זאך, וויבאלד מען מאכט עס נאענט צו אידישקייט און צום אויבערשטן דורכן זאגן א ברכה.

זאגט תורה אז א קרבן דארף זיין א "תמים" , א גאנצע זאך צום אויבערטשן וועלכער איז די שלימות האמיתית (די אמת'ע גאנצקייט).

און אויב די זאך איז ניט אינגאנצן כשר, דארף מען וויסן אז דאס איז ניט קיין "תמים" –א גאנצע זאך– נאר א "בעל מום"! דא איז אריינגעשמישט דער יצר וואס דעמולט טאר מען ניט מאכן קיין ברכה אויף דעם! ...

(המשך אין עמוד 2)

טייערע קינדער שלוחים,

האסטו אמאל באמערקט אז דו האסט ניט געטאן עפעס וואס דו האסט געוואלט טאן, און האסט געמיינט אז דו האסט אינגאנצן פארפעלט די געלעגנהייט? ווי אזוי האסטו געפילט ווען איינער האט דיר געזאגט אז מען גיט דיר נאך א געלעגנהייט? זיכער ביסטו געווען גאר צופרידן!!

פונקט אזוי האבן די אידן אין מדבר געפילט פסח שני.

נאכדעם וואס די אידן האבן געבראכט דעם קרבן פסח אין מדבר, זיינען א גרופע פון אידן געקומען צו משה און אהרן. "מיר זיינען געווען טמא למת אויף פסח, און האבן ניט געקענט ברענגען דעם קרבן פסח ( ווייל א איד וואס איז געווען טמא למת- איז געווען לעבן א טויטע קערפער- האט ניט געטארט ברענגען דעם קרבן) . 'למה נגרע?' - פארוואס זאלן מיר פארלירן אזא הייליגע מצוה?" משה רבינו האט געפרעגט דעם אויבערשטן וואס צו טאן און דער אויבערשטער האט געזאגט אז י"ד אייר קענען די אידן האבן א צווייטן פסח- פסח שני, און ברענגען דעם הייליקן קרבן פסח. זיי האבן אויסגעבעטן א נייער יום טוב.

יעדן יאר אויף י"ד אייר עסן מיר מצה, און מיר זאגן ניט די טיילן פון דאווענען וואס ווערן אנגערופען תחנון, ווייל פסח שני איז א יום טוב! (המשך אין עמוד 2)

# דער חסידיש'ער לוח

## ל"ג בעומר - ח"י אייר



ל"ג בעומר איז א ספעציעלע טאג פאר אידן, עס איז דער יארצייט פון דער גרויסע תנא, ר' שמעון בר יוחאי. ל"ג בעומר קומען אסאך אידן פון איבער די גאנצע וועלט פייערן דעם גרויסען יום טוב גלייך לעבן דער רשב"י אין מירון.

ר' שמעון בר יוחאי האט געשריבן די הייליקע "זהר", און איז געווען פון די ערשטע וואס האבן אויסגעלערנט די סודות התורה. דער טאג וואס ער איז נסתלק געווארן האט ער געבעטן זיינע תלמידים ניט זיין אומעדיג, נאר זיין צופרידן.

נאך א גרויסע זאך איז פארגעקומען ל"ג בעומר. אין די טעג צווישן פסח און שבועות, זיינען געווען א גרויסע מגיפה אין די תלמידים פון ר' עקיבא, ווייל זיי האבן זיך נישט געפירט מיט גענוג כבוד איינער צום צווייטן. 24,000 תלמידים זיינען אוועק אין די טעג. צוליב דעם פירן מיר זיך אין די טעג מיט געוויסע ענינים פון אבילות: מען שניידט ניט די האר, מען מאכט ניט קיין חתונות, און מען הערט זיך ניט צו צו מוזיק.

ל"ג בעומר האבן די תלמידים אויפגעהערט שטארבן.

מיר פייערן דעם הייליקן טאג דורך ארויסגיין אין פעלד און מאכן גרויסע פייערס.

פון די ווערטער פון הייליקן רשב"י:

אין צייט פון גאולה וועלן ניט נאר עלטערע מענטשן לערנען די סודות פון תורה, נאר אויך יונגע קינדער וועלן לערנען און פארשטיין אלע חלקים אין תורה.

*כ"א אייר תש"ט האט דער פריערדיקער רבי אויפגעשטעלט כפר חב"ד. די ערשטע מענטשן וואס האבן דארט געלעבט זיינען געווען חסידים וואס זיינען ארויסגעקומען פון רוסלאנד און זיינען אנטלאפן פון די קאמוניסטן. כפר חב"ד איז א פלאץ וואס האט פיל פעלדער און גראז: אין כפר חב"ד איז פאראן א גאנצע גארטן פון אתרוגים!

פיל חסידישע מוסדות זיינען פאראן אין כפר חב"ד, און עס איז די הויפט פון חב"ד אין ארץ ישראל. אויב איר וועט פארן אין ארץ ישראל, און באזוכן כפר חב"ד וועט איר זען א גרויסער בנין וואס זעט אוים פונקט ווי 770!

---

*((המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

און דורך דעם וואס אידישע קינדער פירן זיך אויף ווי עס פאסט פאר "צבאות השם," באווירקט עס אויך די ניט אידישע פעלקער צו פירן זיך ווי דער אויבערשטער וויל, ביז אז די גאנצע וועלט ווערט איבערגעקעט און ווערט "תמים ומובחר" ווייל ס'איז אין איר קענטיק אז זי איז א "דירה לו יתברך".

און דאס איילט צו דעם אויבערנשט'ס ברכה פון "יבנה בית המקדש במהרה בימינו" און דארטן וועט מען מקריב זיין קרבנות גאר בפשטות במהרה בימינו ממש.

(פון דער רבי רעדט צו קינדער שיחת ה' תשרי תשמ"ה)

*(המשך פון טייערע קינדער שלוחים)*

וואס לערנען מיר פון דעם? דער רבי שרייבט אין 'היום יום' פון פסח שני די ווערטער פון דעם פריערדיקן רבי'ן אז די אפלערנונג פון דעם טאג איז אז "עס איז ניטא קיין פארפאלען, מען קען אלעמאל פאריכטן" - עס איז קיינמאל ניט צו שפעט! א איד קען אלעמאל פאריכטן ווען ער האט געטאן ניט ריכטיג אדער פארפעלט צו טאן א גוטע זאך. די איינציגסטע זאך וואס מיר מוזן טאן איז צו וועלן פאריכטן - פונקט ווי די אידן וואס זיינען געקומען צו משה רבינו מיט זייער טענה אין מדבר. און ווען א איד וויל, וועט דער אויבערשטער אים זיכער העלפן צו געפינען דעם וועג צו טאן די ריכטיגע זאכן. לאמיר מאנען פון דעם אויבערשטער "למה נגרע?"- פארוואס זאלן מיר האבן ווייניגער? מיר ווילן שוין ברענגען דעם קרבן פסח דעם יאר אין ירושלים!!

-א. וועכטער




אין פרקי אבות פרק רביעי משנה ח' שטייט, " אל תהי דן יחידי..." א מענטש זאל ניט זיין אן איינציגע שופט וואס נעמט ניט אין חשבון די דעות פון אנדערע.

דאס לערנט אונז אז אפילו אין זאכן וואס א מענטש משפט וועגן זיך אליין, איז ניט גענוג ער זאל עס טאן אליין.

וואס זאל א מענטש טאן? דער רבי האט אונז געגעבן אן עצה וואס ער האט געבעטן אלס א בקשה נפשית: אז יעדער איינער זאל האבן א משפיע.



א משפיע איז איינער וואס הערט צו צו דיר, און גיט דיר עצות אין דיין עבודת ה'. דורך דעם וואס א מענטש נעמט עצות פון אנדערע וועט ער זיכער מצליח זיין!




אין אנהויב פון פרשת אמור דערציילט אונז די תורה אז א כהן מעג זיך ניט מטמא זיין דורך דערנענטערן זיך צו א טויטע קערפער– א מת. דער כהן מעג זיך אבער מטמא זיין צו א נאנטע קרוב אזוי ווי א שוועסטער, ברידער און דאס גלייכן. נאך מער, די תורה זאגט אז ער זאל זיך צו איר מטמא זיין - לה יטמא.

די גמרא זאגט אונז אז דער אויבערשטער איז אזוי ווי א כהן. פרעגט זיך דער שאלה, מיר זיינען דאך טמא אין גלות, איז ווי אזוי קען דער אויבערשטער זיך מטמא זיין צו אונז, און אונז ארויסנעמען פון גלות?

ערקלערט אונז דער זהר הקדוש אז בני ישראל זיינען אזוי ווי א שוועסטער צום אויבערשטן, ווי עס שטייט אין שיר השירים, "באתי לגני אחותי כלה", און צו א שוועסטער מעג מען זיך מטמא זיין. וועט דער אויבערשטער אונז זיכער ארויסנעמען פון גלות תיכף ומיד ממש!

# דערציילט מיר א מעשה

מען האט שוין געענדיקט דאווענען און עסן די סעודה פון ראש השנה מיט צופרידענע הערצער, און מיט ברכות פאר דער נייער יאר.

די נאכט נאך ראש השנה, איז ר' שמעון בר יוחאי, געגיינגען שלאפן אבער זיין שלאף איז געשטערט געווארן דורך א שרעקליכע חלום. דער חלום איז געווען וועגן זיינע צוויי פלימעניקעס. אין זיין חלום זיינען זיינע צוויי פלימעניקעס געשטאנען פאר די רוימאנישע אפיצערן. די רוימאים האבן געבעטן פון זיי אסאך געלט– 600 דינר, און האבן זיי געוואלט אוועקנעמען אין תפיסה.

די נעקסטער טאג איז ער גלייך געלאפן צו זיינע פלימעניקעס. ווען ער איז אנגעקומען זיינען זיי געווען פארנומען מיט זייערע ביזנעס. זיי זיינען געווען זייער צופרידן אים צו זען, און זיינען אויפגעשטאנען אים צו באגריסן.

דער רשב"י איז אויפגעשטאנען און האט געזאגט,

"איר פארנעמט זיך מיט ביזנעס, און איך מיין אז איר זאלט זיך פארנעמען מיט ערכי ציבור. אפשר קענט איר העלפן מיט קראנקע און ארימעלייט?"

די ברידער האבן ניט געפרעגט קיינע שאלות. זיי האבן געוואוסט אז זייער פעטער איז א גרויסער צדיק און איז באוואוסט פאר זיין קלוגשאפט.

"פעטער, פון וואנעט וועלן מיר באקומען די געלט צו טאן די צדקה? מיר האבן נאך ניט אסאך געלט פון אונזער ביזנעס."

דער רשב"י האט זיי געענטפערט, "בארג פון די געלט וואס איר האט צו געבן פאר צדקה. שרייבט אראפ וויפל געלט איר נוצט, און איך וועל אייך אין סוף יאר צוריקגעבן די געלט.

זיי האבן גלייך מסכים געווען, און דער רשב"י איז געווען זייער צופרידן אז זיין פלאן איז אנגענומען געווארן.

א פאר חדשים שפעטער האבן פיינט פון די צוויי יונגערלייט געמסר'ט אויף זיי צו די רעגירונג. א רומאנישער אפיצער איז צו זיי געקומען אין שטוב.

"אויב איר ווילט ניט גיין אין תפיסה, דארפט איר פאר מיר געבן 600 דינר ." האט ער געשריען.

די ברידער האבן ניט געוואוסט וואס צו טאן. 600 דינר איז געווען אסאך געלט!

ווען דער רשב"י האט זיך פון דעם דערוואוסט, איז ער געלאפן צו זיי און האט זיי געפרעגט,

"וויפל צדקה האט איר געגעבן דעם יאר?"

זיי האבן אים באוויזן וואו זייערע ביכער פון געלט זאכן זיינען געלעגן. דער רשב"י האט דורכגעקוקט די ביכער, און האט זיי געזאגט,

"איך דארף פון אייך זעקס דינר." די ברידער האבן אים דאס גלייך געגעבן און האבן געווארט צו זען וואס וועט יעצט געשען.

דער רשב"י האט געגעבן די זעקס דינר צו דעם אפיציער אלס א שוחד, און דער אפיציער האט עס גענומען און איז אוועקגענומען אן קיין צווייטע ווארט.

די ברידער האבן ניט געקענט פארשטיין וואס איז דא פארגעקומען! ווי אזוי האט דער רשב"י אפגעקויפט דעם אפיציער מיט נאר 6 דינר ווען ער האט געוואלט 600 ?

דער רשב"י האט זיי דערציילט וועגן זיין חלום. ער האט זיי געזאגט אז ער האט פארשטאנען אז אויב זיי געבן 600 דינר צו צדקה דורך די יאר, וועלן זיי פטור ווערן פון די גזירה פון פארלירן 600 דינאר צו די רומאנישע אפיצערן. ווען ער איז געקומען און האט דורכגעקוקט זייערע ביכער, האט ער באמערקט אז זיי זיינען נאך שולדיג 6 דינאר פון די סומע צו צדקה. די געלט האט ער געדארפט געבן צו די אפיציער.

זיינע פלימעניקעס האבן צוגעהערט צו די מעשה.

"אבער פעטער", האבן זיי געזאגט, "אויב איר וואלט אונז דערציילט וועגן די חלום, וואלט מיר גלייך געגעבן די גאנצע סומע צו צדקה, און ניט געדארפט ליידן!"

"דאס איז גערעכט," האט ר' שמעון געזאגט, "אבער אויב איך האב אייך דערציילט די חלום, וואלט איר ניט געגעבן די געלט מיט א גאנצע הארץ נאר פאר די מצוה. נאר אין די זכות פון די תמימות'דיקע וועג מיט וואס איר האט געגעבן די צדקה, איז דער זכות געווען גרויס גענוג אייך צו ראטעווען."

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת אמור

Kids! Fill out the answers to the puzzle below, and fax it to the Shluchim Office at (718) 221- 0985 or e-mail it to connections@shluchim.org by Wednesday

לייגט אריין איינע פון די זעקס בילדער וועגן ל״ג בעומר אין יעדער קעסטל.
מאכט זיכער אז יעדער רייע האט נאר איינע פון די בילדער, און אז איר
האט אריינגעלייגט אלע זעקס אין יעדער גרויסע קעסטל!




## הצלחה רבה

נאמען:_______________________________ ווי אלט:_____

אדרעס:_____________________________________________________________

אימייל:_____________________________

די געווינער פון פרשת אחרי מות–קדושים: יהושע זעליג שם–טוב, 9